ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# לקוטי שיחות

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

**שניאורסאהן**

**מליובאוויטש**

## חיי שרה

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים"**

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ושתים לבריאה

שנת המאה להולדת כ״ק אדמו״ר מה״מ

**לעילוי נשמת**

הרה"ת ר' **רחמים** ב"ר **יואב** ע"ה

**אנטיאן**

נפטר בדמי ימיו - בליל שמע"צ ה'תשס"ב

**ת. נ. צ. ב. ה.**

כתובתינו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind

אור לכ״ף מרחשון, יום הולדת את כ״ק אדנ״ע, יומא קא גרים

לקבל החלטות טובות ובתוקף ובאופן שתבאונה במעשה בפועל, שהוא העיקר,

החלטות שתכליתן בכיוון האמור — אחדות ישראל אמתית,

ע״י הוספה עוד יותר בעבודה המשולשת: בעניני התורה, תורה אחת (הנגלה והחסידות) ומצותי׳ — אחדות ושלימות התורה,

הכנסת חיות ואור חסידותיים בחיי יום יום של כל העם כולו בכל מושבותיהם — אחדות ושלימות העם,

ובפרט בכל הארץ, ארץ המיוחדה אשר תמיד עיני הוי׳ אחד בה, שהוא נתנה נחלת עולם לעם עולם, כולה לגבולותי׳ — אחדות ושלימות הארץ,

אשר שלימות משולשת זו היא גם הדרך היחידה לשלום אמיתי ובן קיימא,

וגדול כח וזכות הרבים והציבור, ובמיוחד כשהם מתכנסים באופן שנעשו „קהל גדול״ — ל׳ יחיד,

וכהביאור — באר היטב — של בעל יום ההולדת בקונטרס שלו „החלצו מאתכם אנשים״ המפורסם.

ויה״ר שיקויים בכאו״א מהמתכנסים שליט״א שיהי׳ בפועל דוגמא חי׳ של „החלצו מאתכם״ איש או אשה,

ויקוים: אלקים נצב (מלך) בעדת א־ל, דקדים ואתי ומברך ומצליח את כינוסם להיות פעולתו פעולה נמשכת תכה״ו,

ובקרוב ממש יקויים היעוד: אתה (אלקים) תנחל בכל הגוים —

בגאולה האמתית והשלימה ע״י משיח צדקנו במהרה בימינו ממש.

בכבוד ובברכת הצלחה ולבשו״ט

---

ארץ המיוחדה: שנבחרה מכל הארצות (מכילתא ר״פ בא) ושמיחדה במציאות אחת — דרך אחר כיבוש כולה אפשר להיות כיבוש עם ישראל דשאר ארצות (רמב״ם הל׳ תרומות פ״א ה״ג. הל׳ מלכים פ״ה ה״ז).

קהל גדול: לשון הכתוב (ירמי׳ לא, ז).

„קהל . . יחיד: וכידועה מעלת היחוד על איחוד — יחיד על אחד.

קונטרס . . החלצו: ועייג״כ לקו״ת מטות עה״פ.

אלקים . . א־ל: תהלים פב, א.

דקדים ואתי: ברכות ו, א.

אתה . . הגוים: תהלים פב בסיומו.





# חיי שרה

א. דער ערשטער אָרט פון ארץ ישראל[1] וואָס זיין בעלות איז בפועל איבערגעגאַנגען צו אברהם אבינו, איז דאָס געווען אין חברון, די „שדה המכ־פלה על פני ממרא היא חברון״[2].

אע״פ אַז שוין פריער, בברית בין הבתרים, איז ארץ ישראל כולה אָפּגע־געבן געוואָרן צו אברהם אבינו ולזרעו אחריו כמש״נ[3] „לזרעך נתתי את הארץ הזאת״ (און נאָך פריער[4] האָט אים דער אויבערשטער געזאָגט[5] „קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה כי לך אתננה״), איז אָבער[6] די בעלות (און דורך אַ קנין) בפועל — און בפרסום, „לעיני בני חת בכל באי שער עירו״[7] — געווען ערשט ביי (דער מערת המכפלה שב)חברון.

און פון דעמאָלט אָן באַלאַנגט די מערת המכפלה שבחברון צו אברהם יצחק ויעקב ולזרעם אחריהם — צו עם בני ישראל [און ווי עס שטייט אין מדרש[8] בנוגע דער מערת המכפלה: זה אחד משלשה מקומות שאין אומות העולם יכולין להונות את ישראל לומר גזולים הן בידכם ואלו הן מערת המכ־פלה ובית המקדש וקבורתו של יוסף].

דאָס הייסט, אַז די בעלות פון אידן בפועל אויף ארץ ישראל האָט זיך אָנגע־פאַנגען דערמיט וואָס אברהם אבינו האָט געקויפט מערת המכפלה (לקבורת שרה)[9].

און ווי עס שטייט אין אבן עזרא[10] אַז דאָס איז איינער פון די טעמים וואָס „נזכרה זאת הפרשה״ — „לקיים דבר ה׳ לאברהם להיות לו נחלה״.

אַלע ענינים וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט תורה זיינען בתכלית הדיוק. איז מובן, אַז דאָס וואָס די ערשטע נחלה פון אידן אין ארץ ישראל איז אין חברון, איז דאָס פאַרבונדן מיטן ענין מיוחד וואָס חברון פאַרמאָגט.

און י״ל: וויבאַלד אַז מיט חברון האָט זיך אָנגעהויבן די בעלות פון אידן אויף א״י, דעריבער קומט אָט די בעלות אויף איר בפרסום — לעיני אומות־העולם, גלוי אויך אין אַנדערע זמנים.

ועפ״ז יש לבאר מאמר המדרש בפרש־תנו[11], אַז איינער פון די טעמים וואָס חברון ווערט אָנגערופן „קרית ארבע״ איז „שהוא עולה בקרנסין (גורלות,

---

1) א) שמסופר בתורה בפירוש, ב) ובאופן „לאחוזת קבר״. משא״כ בהמקומות שגר לפנ״ז, אפילו את״ל שקנה בית וחלק בארץ (וראה פרש״י וירא כא, לד) — א) לא נאמר מפורש (ובפרט — קנין) בתורה. ב) לא הי׳ באופן דאחוזת קבר שהיא לעולם ואינו מוכרו, וכיו״ב.

2) ל׳ הכתוב — פרשתנו כג, יט.

3) לך טו, יח. ובפרש״י שם: אמירתו של הקב״ה כאילו היא עשוי׳. וכמרז״ל (ירושלמי חלה פ״ב ה״א. וראה ב״ר פמ״ד, כב) לזרעך אתן אין כתיב כאן אלא לזרעך נתתי כבר נתתי. וראה בארוכה לקו״ש חט״ו ע׳ 204 ואילך.

4) כפשטות סדר הכתובים. ולהעיר מפרש״י בא (יב, מ).

5) לך יג, יז. וראה הערה הבאה.

6) ראה הדיעות (ב״ב ק, א) אם הליכת אברהם היתה קנין או רק „כדי שיהא נוח לכבוש לפני בניו״.

7) פרשתנו שם, יח.

8) ב״ר פע״ט, ז. יל״ש עה״פ וישלח לג, יט.

9) וראה לקו״ש שם ע׳ 150 ואילך.

10) פרשתנו כג, יט.

11) פנ״ח, ד. יל״ש כאן (כג, ב).

במצב פון „צא״ בחוץ פון שולחן אביהם, מען בעט און מען מאָנט כביכול באַ דעם אויבערשטן: „שלח נא ביד תשלח״ — בשנת ובתחלתה „יד תשלח״ און ברענג שוין די גאולה האמיתית והשלימה!

און צוזאַמען מיט שלימות בעבודת השליחות (בסיום לקו״ת פ׳ ברכה) האָט מען גלייך די שלימות הנישואין — שיר השירים — פון ישראל וקוב״ה [ובפרט דורך דעם וואָס מ׳נעמט אָן אויך די החלטה טובה צו לערנען גאַנץ ספר תורה אור ולקוטי תורה כל חלקיהם עד סיומם. וואָס דורך לימוד התורה בענינים אלו, איז דאָס נאָכמער ממהר די המשכה בפועל].

(משיחות ש״פ חיי שרה, כ״ה מר־חשון, מבה״ח כסלו תשנ״ב)

---

ב״ה, יום השלישי שהוכפל בו כי טוב,
פ׳ והוי׳ הצליח דרכי,
ח״י מ״ח, ה׳תשד״מ. ברוקלין, נ. י.

לכל המשתתפים בכינוס השנתי של חסידי
חב״ד, אשר בארצנו הקדושה — שליט״א

שלום רב וברכה מרובה!

יהי״ר שיהא הכינוס כינוס אמתי, אחדות אמתית של כל המשתתפים בו, ועל ידם — אחדות כל המושפעים שלהם ועד — לאחדות כל ישראל,

הנאה להם והנאה לעולם, אשר בשביל ישראל גוי אחד בארץ — נברא,

ומגלגלין זכות ליום זכאי

---

והוי׳ הצליח דרכי: **שיעור החומש דיום הכנס — ויש לקשר זה לעבודת „ויעקב הלך לדרכו״ המבוארת בשיחות רבותינו נשיאינו.**

הנאה . . לעולם: **סנה׳ עא, סע״ב.**

בשביל . . נברא: **ויק״ר לו, ד. וראה ב״ר א, ד.**





מת״כ) של ד׳ מתחלה ליהודה ואח״כ לכלב[12], ואח״כ לכהנים ואח״כ ללוים״[13]. דלכאורה: וואָס איז די נפק״מ (און די מעלה) אין דעם וואָס חברון האָט גע־האַט ד׳ בעלים[14]? נאָר יש לומר, אַז דערמיט ווערט אַרויסגעבראַכט אַן ענין מיוחד בנוגע דער בעלות פון אידן אויף חברון. כדלקמן.

ב. לכאורה וואָלט מען געקענט זאָגן אַז איינע פון די מעלות[15] (אין דער בעלות פון אידן אויף) חברון איז, וואָס חברון איז איינע פון די ערי מקלט[16],

[און ווי ס׳איז מרומז אויך בפרשתנו, לויט ווי דער ראָגאַטשאָווער[17] איז מסביר די שקו״ט צווישן אברהם און בני חת, אַז אברהם האָט געוואָלט קויפן די מערה דוקא בקצה שדהו, ווייל „בית הקברות של ערי מקלט דוקא חוץ לעיר״ (האָט ער חושש געווען אַז מ׳וועט מפנה זיין שפּעטער די קברים), אָבער די בני חת האָבן געענטפערט „נשיא[18] אלקים אתה בתוכנו גו׳״, און „קבר מלך ונשיא אין מפנין״],

וואָס די ערי מקלט האָט מען אָפּ־געגעבן צו די לוויים[19]. און אין דער בעלות פון לוים אויף זייערע ערים גע־פינט מען אַ מעלה לגבי דער בעלות פון אידן אויף זייערע נחלות.

ווי דער דין[20], אַז אויב די לוויים „מכרו שדה משדה עריהם או בית מבתי ערי חומה שלהן אין גואלין כסדר הזה (ווי שאר בני ישראל, וואָס אַ שדה קען מען ניט פודה זיין עד שתי שנים און בתי ערי חומה אם לא גאלה בתוך השנה איז דאָס נחלט ביובל) אלא מוכרין השדות ואפילו סמוך ליובל וגואלין מיד. ואם הקדישו שדה גואלים מיד ההקדש לאחר היובל וגואלים בתי ערי חומה כל זמן שירצו אפילו אחר כמה שנים שנאמר[21] גאולת עולם תהי׳ ללוים״.

---

12) וברש״י במדרש שם, כולל יהודה וכלב ביחד, ולפנ״ז גורס „אברהם״. ואכ״מ.

13) בב״ר לפנינו „ואח״כ ללוים ואח״כ לכהנים״. אבל ביל״ש הוא כבפנים. וכ״ה בכמה דפוסים וכת״י הב״ר — ראה ב״ר הוצאת תיאודור אלבק. וש״נ.

14) ביפ״ת לב״ר שם מפרש דהחלק שניתן ללוים לא הי׳ אצל כלב בתחלה, אלא „שוב עלה הגורל על הנשאר ממנה ליתנה למקלט ללוים״.

אבל הרי מפורש כמ״פ (יהושע יד, יג־יד. טו, יג־יד. שופטים א, כ) ד(שדה) חברון ניתנה לכלב. ופשטות הלשון משמע דהוי כמו כל ערי הלוים וערי מקלט, דבנ״י נתנו ללוים מנחלת אחוזתם (מסעי לה, ב. יהושע כא, ג), ובפרט „וירש משם כלב את שלשה בני הענק גו׳״ (יהושע טו, יד. שופטים שם), והרי מפורש בדברי ה׳ (שלח יד, כד) והביאתיו אל הארץ (חברון — פרש״י), „ולו אתן את הארץ אשר דרך בה ולבניו״ (דברים א, לו. וביהושע (יד, ט) לך תהי׳ לנחלה ולבניך עד עולם) — וכפרש״י שלח יג, כב. פינחס כו, נה (בסופו). דברים שם.

וי״ל דגם במכות (י, א), ב״ב (קכב, ב) דמקשה „וחברון עיר מקלט הוא והכתיב (שופטים א, כ) ויתנו לכלב את חברון כאשר דבר משה, אמר אביי פרוודהא דכתיב ואת שדה העיר ואת חצרי׳ נתנו לכלב בן יפונה״ — השקו״ט והתירוץ הוא לא בתחילת הנתינה, כ״א במה שנשאר שלו באחוזתו*. וראה שיח יצחק מכות שם.

15) דלכאורה אדרבה טרשין שבא״י הייתה (פרש״י שלח יג, כב מכתובות קיב, א. סוטה לד, ב. ועוד. וראה ההמשך בב״ר פרשתנו שם).

---

*) ועפ״ז יומתק (ותתורץ קושיית המהרש״א ב״ב שם) מה שהובא בב״ב ומכות שם הפסוק דשופטים ולא הפסוקים דיהושע שלפנ״ז.

---

16) יהושע כ, ז. מכות ט, סע״ב. ב״ב שם.

17) צפע״נ עה״ת פרשתנו כג, ו־ט. ובהל׳ תרומות ג, א (הובא בהערות לצפע״נ עה״ת שם).

18) פרשתנו שם, ו.

19) מסעי לה, ו.

20) רמב״ם הל׳ שמיטה ויובל פי״ג ה״ז (ממשנה ערכין לג, ב).

21) בהר כה, לב.

וואס דאס ווייזט לכאורה, אַז זייער בעלות איז אַ שטענדיקע — אויך ווען בפועל איז דער בית אָדער די שדה ברשות הקדש אָדער ברשות אחר — האָבן זיי מעין בעלות בהם, עס ווערט ניט צוגענומען פון זיי (בהחלט).

קומט אויס, אַז די בעלות דחברון (אַלס איינע פון די ערי מקלט וואָס געהערן צו די לוים), געהערט צו לוים אין אַן אופן פון „גאולת עולם"[22].

ג. אָבער אי משום הא — וואָס חברון איז אַן עיר מקלט וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן צו די לוים — איז לכאורה, פאַרקערט. וואָרום מען געפינט אַז די בעלות פון די לוים אויף זייערע ערים איז שוואַכער ווי די בעלות פון אַנדערע שבטים אויף זייער נחלה:

דער דין[23] איז אַז „כל שבט לוי מוזהרין שלא ינחלו בארץ כנען" — זיי האָבן ניט קיין נחלה אין ארץ ישראל, און דאָס וואָס מ'האָט זיי געגעבן מ"ח ערים („שש ערי המקלט" און „עליהם תתנו ארבעים ושתים עיר"[24]) איז דאָס בלויז (כדיוק לשון הכתוב[25]) „עריב לשבת". וואָס דערפון איז משמע אַז די לוים האָבן ניט קיין בעלות שלימה אויף עריהם.

— שטייט אין ירושלמי[26] אַז דאָס איז די פלוגתא פון תנאים[27]: ר"מ זאָגט אַז כהנים ולוים זיינען ניט מתוודה (ווידוי מעשרות) וויבאַלד „שלא נטלו חלק בארץ", און רבי יוסי זאָגט „יש להם ערי מגרש" — אַז ר"מ האַלט „לבית דירה ניתנו" („ולא שיהא נחלתם ואחוזתם"[28]), און ר"י האַלט „למחלוקת ניתנו" (אַז די ערים „ניתנו להלוים לחלקם ולאחוזתם"[28]). קומט אויס, אַז לדעת רבי יוסי באַלאַנגען די ערי מגרש צו די לויים אַלס זייער חלק בארץ. און אַזוי פסק'נט דער רמב"ם[29], אַז כאָטש באַ ווידוי „הוא אומר ואת האדמה אשר נתת לנו"[30], פונדעסטוועגן זיינען „לויים מתודים שאע"פ שלא נטלו חלק בארץ יש להם ערי מגרש". זעט מען, אַז די ערי מגרש הייסן חלק הלוים אין ארץ ישראל.

ואע"פ אַז דער רמב"ם פסק'נט[31] „רוצח הדר בערי מקלט אינו נותן שכר ביתו, והדר בשאר ערי הלויים נותן שכר לבעל הבית"[32] — וואָס לדעת הירושלמי[33] איז די מחלוקת צי „מעלות היו שכר ללוים" תלוי אין דער פלוגתא הנ"ל „למחלוקת ניתנו" אָדער „לבית דירה ניתנו", וואָס דערפון איז משמע, אַז די ערי מגרש וועלכע באַלאַנגען צו די לוים זיינען דאָס (לדעת הרמב"ם) בלויז די מ"ב עיר, אָבער ניט[34] די שש ערי מקלט[35] (וואָס „הובדלו

22) כפשטות המשך לשון הרמב"ם שם פי"ג, דכל הדינים הם (לא רק על המ"ב ערי מגרש כ"א גם על השש ערי מקלט (שבהלכה א שם).

23) רמב"ם שם הלכה י"ד.

24) מסעי שם.

25) שם, ב — הובא ברמב"ם שם ה"א (ע"ש).

26) מעשר שני פ"ה ה"ט (לגירסת ופי' הפני משה שם. ועוד).

27) מע"ש שם מי"ד.

28) פני משה שם.

29) סוף הל' מעשר שני.

30) תבוא כו, טו.

31) הל' רוצח פ"ח הי"ד.

32) כדעת ר"י מכות יג, רע"א (במשנה) — ע"פ מסקנת הגמ' שם (דעת רבא).

33) מע"ש שם. מכות ספ"ב.

34) וראה צפע"נ מכות שם. וש"נ.

35) החילוק דמ"ב ערי הלוים ושש ערי מקלט בנוגע העלאת שכר הוא רק בבבלי. אבל בירושלמי לא נזכר שיש חילוק בזה בין שש ערי מקלט ומ"ב ערי הלוים. ובירושלמי סוטה (פ"ט סה"ב): ערי מקלט מה הן אין תימר למחלוקת ניתנו מביאות עגלה ערופה אין תימר לבית דירה ניתנו אינן





(ל' רבים) — ימות המשיח (און ניט נאָר ווען משיח איז „בחזקת משיח"[5], נאָר אַלע ימות המשיח — אויך די שלימות פון „משיח ודאי"[5] וכו').

ובפשטות מיינט דאָס — אַז פון דעם כינוס השלוחים דאַרף מען קומען און להביא החלטות טובות ווי יעדער שליח דאַרף זיך אַליין צוגרייטן און צוגרייטן אַלע אידן במקומו ובעירו וכו' צו מקבל זיין פני משיח צדקנו, דורך דעם וואָס ער איז מסביר דעם ענין פון משיח כמבואר בתושב"כ ובתושבע"פ באופן המתקבל צו יעדערן לפי שכלו והבנתו, כולל במיוחד — דורך לימוד עניני משיח וגאולה, ובפרט באופן פון חכמה בינה ודעת.

און היות אַז דאָס איז די עבודה פון דעם זמן, איז מובן אַז דאָס איז שייך צו יעדער אידן אָן אויסנאָם כלל.

. . . ועוד ועיקר: וויבאַלד אַז מ'האָט שוין פאַרענדיקט די עבודת השליחות — קומט צוגיין יעדער שליח צו דעם משלח האמיתי, דער אויבערשטער, און איז מודיע: עשיתי את שליחותי, און איצטער איז געקומען די צייט אַז דו כביכול זאָלסט טאָן דיין שליחות [וואָס אויך דער אויבערשטער איז אַ שליח („מגיד דבריו ליעקב גו'"[11]), און צוזאַמען מיט די עשר ספירות — איז עצמות ומהות אַליין כביכול משיח צדקנו]: „שלח נא ביד תשלח" — שיק אונז משיח צדקנו בפועל ממש!

און אפילו אויב עס קען נאָך זיין אַ ספק אַז דער אויבערשטער וויל האַלטן אידן נאָך אַ רגע אין גלות צוליב דעם גודל הנחת רוח והנאה וואָס די עבודה אין גלות פאַרשאַפט אים — שרייט אַ איד: „כל מה שיאמר לך הבעה"ב עשה חוץ מצא"[12], אַלץ וואָס דער בעה"ב זה הקב"ה זאָגט דאַרף מען טאָן „חוץ מצא", צו בלייבן נאָך אַ רגע ח"ו

11) תהלים קמז, יט. וראה שמו"ר פ"ל, ט.

12) פסחים פו, ב.

כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, דער איינציגער שליח שבדורנו, דער איינציגער משיח שבדורנו, אַז מ'האָט שוין אַלץ פאַרענדיקט – איז פאַרשטאַנדיק אַז ס'הויבט זיך אָן מקויים ווערן דער „שלח נא ביד תשלח"[9], די שליחות פון כ"ק מו"ח אדמו"ר. און דערפון איז מובן, אַז די איינציקע זאַך וואָס איז איצטער געבליבן אין דער עבודת השליחות, איז: צו מקבל זיין פני משיח צדקנו בפועל ממש, בכדי ער זאָל קענען מקיים זיין שליחותו בפועל און אַרויסנעמען אַלע אידן פון גלות!

. . . דערפון האָט מען די הוראה בפועל וואָס מ'דאַרף אַרויסנעמען שטייענדיק איצטער באַ דער התחלה ופתיחה פון דעם „כינוס השלוחים העולמי":

לכל לראש – דאַרף מען אַרויסקומען מיט אַ הכרזה והודעה צו אַלע שלוחים, אַז די עבודת השליחות איצטער און פון יעדער אידן באַשטייט אין דעם – אַז מ'זאָל מקבל זיין פני משיח צדקנו.

דאָס הייסט: אַלע פרטים אין דער עבודת השליחות פון הפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה, דאַרפן זיין דורכגענומען מיט דער נקודה – ווי דאָס פירט צו קבלת משיח צדקנו.

ווי אונטערשטראָכן אין דעם נושא הכינוס – „כל ימי חייך להביא לימות המשיח"[10]: אַלע עניני עבודה (בכל ימי חייך, ובכל יום עצמו – בכל פרטי ושעות היום) דאַרפן זיין דורכגענומען מיט „להביא לימות המשיח", ניט בלויז „לרבות" (ווי עס שטייט בכ"מ), אַז ער (דער שליח) שטייט און וואַרט ביז משיח וועט קומען און דעמולט וועט ער אין דעם איינטייל נעמען און דערפון הנאה האָבן וכו', נאָר – „להביא", ער טוט כל התלוי בו צו ברענגען „לימות המשיח" לשון רבים, ניט בלויז די התחלה פון איין טאָג נאָר פון ימות

9) שמות ד, יג.
10) ברכות פ"א מ"ה.





למקלט"[36], און דערפאַר זיינען זיי קולט „בין לדעת בין שלא לדעת", משא"כ „שאר ערי הלוים אינן קולטין אלא לדעת"[37])

— אָבער לדעת הבבלי איז ניט משמע אַזוי, וואָרום פון בבלי קומט אויס אַז דאָס וואָס אַ רוצח דאַרף ניט מעלה זיין שכר צום לוי אין די שש ערי מקלט איז (ניט ווייל עס פעלט אין דער בעלות פון די לוים אויף די שטעט[38], נאָר דאָס איז) אַ דין מיוחד[38*], ווי די גמרא זאָגט[39], אַז מען לערנט אָפּ פון פסוק „והיו לכם הערים למקלט"[40] — „לכם לכל צר־כיכם"[41].

און אַזוי איז אויך משמע פון סתימת לשון הרמב"ם[42] (אַז די בעלות פון די לוים אויף די ערי מקלט און שאר ערי הלוים האָט דעם זעלבן גדר): כבר נצטוו ישראל ליתן להם ערים לשבת ומג־רשיהם והערים הם שש ערי מקלט ועליהם שתים וארבעים עיר, וכש־מוסיפין ערי מקלט בימי המשיח הכל ללוים, וואָס דערפון איז משמע אַז אין זייער שייכות ללוים האָבן זיי איין[43] גדר[44].

ד. יתירה מזו געפינט מען:

אין גמרא[45] לערנט מען אָפּ פון „ושמתי לך מקום גו'"[46] ושמתי לך בחייך מקום ממקומך אשר ינוס שמה מלמד שהיו ישראל מגלין במדבר להיכן מגלין למחנה לוי". איז רש"י מפרש[47] „מקום ממקומך" — „שתהא מחנה לוי' קולטת ואף ערי מקלט יהיו ערי לוי". פון פרש"י איז לכאורה משמע, אַז דאָס וואָס ערי מקלט זיינען קולט איז דאָס דער־פאַר וואָס זיי זיינען ערי לוי'

[ודוחק גדול לומר אַז רש"י רעדט נאָר וועגן שאר ערי הלוים, די מ"ב ערים, וואָס לא הובדלו למקלט און זיינען קולט נאָר דערפאַר וואָס מ'האָט זיי געגעבן צו די לוים — וואָרום אויב

מביאות כו'. ומפרש בפני משה שם המחלוקת כמו שמפרש בהפלוגתא שבפנים. וראה שו"ת הר־דב"ז ב"א קלח דבירושלמי משמע שלא היו ערי הלוים קולטות [ושם, דמ"ש הרמב"ן בפי' עה"ת (מסעי לה, יד) ד"ה השש ערים לבדן קולטות והמ"ב למגרש הלוים לא למקלט" — „כתב ע"ד הפשט ונראה שסמך על הירושלמי דמשמע התם כו'" (כנ"ל)]. — וראה בארוכה ביאור הרי"פ פערלא לסהמ"צ רס"ג ח"ג פרשה נט. וראה תורתן של ראשונים לירושלמי מע"ש שם: בכפתור ופרח פמ"ב שדה מגרש, ובירושלמי בכורים פ"ב ה"ג ר"א יש להן ערי מקלט. וראה מראה הפנים, קרבן העדה ושירי קרבן לירושלמי סוטה שם.

36) ל' הרמב"ם שם.
37) רמב"ם שם ממכות י, א. וראה לעיל הערה 35.
38) כדעת הירושלמי (כנ"ל בפנים). והרי מסתבר שהרמב"ם פסק כדעת הבבלי. ובפרט דלפי הנ"ל (הערה 35) הוי פלוגתא ביניהם.
38*) וי"ל דזוהי הכוונה בתוד"ה לכם מכות יג, א.
39) דעת רבא (ומסקנת הגמ') — מכות שם.
40) מסעי לה, יב.
41) והמחלוקת במ"ב עיר דמר סבר ועליהם תתנו כי הנך (רק) לקליטה, ומר סבר ועליהם תתנו כי הנך, מה הנך לכל צרכיכם אף הני נמי לכל צרכיכם (מכות שם).
42) רפי"ג מהל' שמיטה ויובל.
43) דאל"כ מאי קמ"ל בתיבת „הכל".
44) ועפ"ז יומתק מה שהרמב"ם לא כתב דערי מקלט אין מביאין עגלה ערופה כבירושלמי סוטה שם להמ"ד לבית דירה ניתנו (וראה בהנסמן בסוף הערה 35). ושאני עיר הנדחת שכ' בהל' ע"ז פ"ד ה"ד, שאין אחת מערי מקלט נעשית עיר הנדחת, די"ל (דלא כמ"ש בכס"מ, מגדל עוז ולח"מ שם, כ"א) שסמך אמ"ש בספרי זוטא מסעי לה, יא „תהיינה — אל יעשו עיר הנדחת" (כהובא באמבוהא דספרי לספרי זוטא שם). וראה צפע"נ לרמב"ם הל' ע"ז שם. צפע"נ למכות ט, א (בתחלתו). ועוד. ואכ"מ.
45) מכות יב, ב.
46) משפטים כא, יג.
47) וראה גם ריטב"א מכות שם.

אזוי האָט רש״י געדאַרפט זאָגן „ואף ערי הלוי׳ יהיו קולטות״ וכיו״ב. פון פשטות לשונו „ואף ערי מקלט יהיו ערי לוי״ איז משמע, אַז ער רעדט בעיקר וועגן די שש ערי מקלט].

דאָס הייסט, אַז דאָס וואָס מ׳האָט אָפּגעגעבן די שש ערי מקלט צו די לוים איז עס ניט אַ זייטיקער דין הנוגע לנתינת הערים, אַז נוסף אויף דעם וואָס זיי זיינען ערי מקלט, איז דאָ אַ דין אַז מען דאַרף זיי געבן צו די לוים, נאָר דאָס איז אַ דין אין דעם גדר פון מקלט של הערים: דאָס וואָס זיי זיינען (ווערן) ערי הלוים טוט (אויך) אויף אַ דין קליטה.

[דאָס הייסט, אַז אין די שש ערים זיינען פאַראַן צוויי גדרים: א) זיי זיינען קולט אַלס ערי מקלט (וואָס „הובדלו למקלט״), און מצד דעם זיינען זיי קולט „בין לדעת בין שלא לדעת״. ולפני זה[48] ב) זיי זיינען קולט אַלס ערי הלוים.

ואע״פ אַז יש בכלל מאתיים מנה — יש לומר אַ נפק״מ בפועל: בשעת עס פעלט איינער פון די תנאים פון שש ערי מקלט, כמו: שיהיו ששתן קולטות כאחת[49] — זיינען זיי אָבער קולט אַלס ערי הלוים (לדעת)[50]].

און אַזוי איז אויך משמע[51] פון המשך הפרשיות אין פ׳ מסעי: פריער קומט אין דער תורה די פרשה[52] פון „ונתנו ללוים מנחלת אחוזתם ערים לשבת גו׳ ואת הערים אשר תתנו ללוים את שש ערי המקלט אשר תתנו לנוס שמה הרוצח ועליהם תתנו ארבעים ושתים עיר״, און שפּעטער קומט די פרשה פון „והק־ריתם[53] לכם ערים ערי מקלט . . ונס שמה רוצח גו״. ד.ה. איידער ס׳איז דאָ דער דין קליטה בפועל באַ די שש ערים, דאַרפן זיי זיין ערי הלוים.

און אַזוי שטייט בפירוש אין חינוך[54], וואָס ער איז מבאר דעם טעם וואָס די ערי הלוים זיינען קולט („מאלה הערים של לוים הי׳ מהם ערים מיוחדות להיות מקלט הרוצח ואולם בכולם הי׳ לו מקלט״) — אַז „ומפני גודל מעלתם (פון די לוים) וכושר פעלם וחין ערכם נבחרה ארצם לקלוט כל הורג נפש בשגגה יותר

48) ביהושע קאפיטל כ ד„נתינת ערי המקלט״ להלוים היתה לאחרי שהובדלו כערי מקלט „ביד משה״, וכ״מ בפ׳ מסעי (לה, ו). אבל א) שם מדובר ע״ד „שש ערי המקלט״ ובה„ארבעים ושתים עיר״ לא הוזכר ענין הקליטה כ״א „עיר״ סתם (ולמדין דקולטין ממש״נ „ועליהם״). ב) מ״ב העיר נבחרו רק לאחרי שבאו הלוים לדרוש „ערים לשבת ומגרשיהן לבהמתנו״ ויצא הגורל על „הערים האלה״ — ולא הזכירו קליטה כלל (ואדרבה — זה שייך לכלל ישראל).

ואת״ל שאין לחלק בין המ״ח עיר (לבד המפורש) י״ל שגם שש הערים לאחר שניתנו ללוים קליטתם מצד ערי לוי באה „לפני״ הקליטה דשש ערי מקלט.

ועפ״ז יומתק א) דגם בהם שייך הטעם דס׳ החינוך (שהובא לקמן בפנים) שמפני תכונות הלוים נבחרו עריהם לקליטה. ב) שכן הי׳ בכלל — חידוש הקליטה הי׳ בסוף מ׳ שנה, קביעות מחנה לוי׳ שבמדבר בשנה השנית (פסחים סו, סע״ב ואילך. פרש״י עה״ת נשא ה, ב).

49) משנה מכות ט, ב. רמב״ם הל׳ רוצח שם ה״ג.

50) ראה צפע״נ מכות י, רע״א גליון. ובהמובא בצ״פ לירושלמי מכות פ״ב (ע׳ צו־צז בדפי הספר) ועוד. וראה צפע״נ דלקמן הערה 61.

51) אבל אינו מוכרח כי בפשטות מסיים הפרשה בהמשך ללפנ״ז ע״ד חלוקת הארץ אשר נתנו ללוים מנחלת אחוזתם ואח״כ ע״ד מקלט לרוצח.

52) לה, ב ואילך.

53) שם, יא ואילך.

54) מצוה תח. ושם ריש מצוה תקכ „להבדיל שש ערי מקלט מערי הלוים״. ובמנ״ח שם: דע״מ צריכות שיהיו ערי הלוים כמ״ש בתורה והרהמ״ח בתחלת המצוה.





ווי מ׳זעט דאָס אויך (כמדובר כמ״פ) אין דעם וואָס אין די מאורעות העולם ווערן מקויים כמה סימנים אויף דער גאולה, אָנהויבנדיק פון דעם סימן (אין ילקוט שמעוני[3]) אַז „הגיע זמן גאולתכם״ פון דעם וואָס „מלכיות מתגרות זו בזו״[4], בפרט אין די מדינות הערביים.

. . . און מ׳זעט בפועל ווי עס איז געוואָרן און עס ווערט דער „ילחום מלחמת ה׳״[5] וינצח בכמה וכמה ענינים — ודוקא מתוך מלחמה של שלום. און נצחון איז אויך מלשון נצחיות, פאַרבונדן מיט דעם גילוי פון „נצח״: נ׳ – גילוי שער הנו״ן, צ׳ – שנת הצדי״ק (ווי אידן האָבן אָנגערופן דעם יאָר), און ח׳ – דער גילוי פון משיח צדקנו, וואָס איז פאַרבונדן מיט מספר שמונה (שמונה נסיכי אדם[6]).

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז וויבאַלד די שלוחים האַלטן שוין פון לאַנג נאָך מילוי התחלת עבודת השליחות בהפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה, און פון לאַנג נאָך אמצע עבודת השליחות, ביז אַז מ׳האָט שוין מסיים געווען די שליחות (כהודעת נשיא דורנו הנ״ל), ואעפ״כ איז די גאולה האמיתית והשלימה נאָך ניט געקומען בפועל ממש – דאַרף מען זאָגן אַז ס׳איז נאָך געבליבן עפּעס צו טאָן וואָס וועט ברענגען די גאולה בפועל.

און דאָס איז: ע״פ הידוע אַז „בכל דור ודור נולד א׳ מזרע יהודה שהוא ראוי להיות משיח לישראל״[7], „א׳ הראוי מצדקתו להיות גואל וכשיגיע הזמן יגלה אליו השי״ת וישלחו כו׳״[8], וע״פ הודעת

3) ישעי׳ רמז תצט.

4) מדרש לקח טוב לך לך יד, א. וראה גם ב״ר פמ״ב, ד.

5) רמב״ם הל׳ מלכים פי״א ה״ד.

6) סוכה נב, ב.

7) פי׳ הברטנורא למגילת רות.

8) ראה שו״ת חת״ס חו״מ (ח״ו) בסופו (סצ״ח). וראה שד״ח פאת השדה מע׳ האל״ף כלל ע׳. ועוד.

# מח.

דער חידוש אין דער עבודת השליחות וואָס איז צוגעקומען במיוחד בזמן האחרון: לקבל פני משיח צדקנו בגאולה האמיתית והשלימה . . אַ חידוש כללי ועיקרי וואָס איז ניט בלויז נאָך אַ פרט (אָדער אַ כלל) אין דער שליחות, נאָר אַן עיקר און אַן ענין כללי ביותר, ביז דעם ענין הכי כללי אין אידישקייט — הכנה לביאת משיח צדקנו — וואָס נעמט אַרום אַלע נקודות ופרטים פון דער עבודת השליחות.

ווי מ'האָט שוין גערעדט מערערע מאָל (ובפרט אין די לעצטע חדשים און וואָכן): לויט דער הודעה פון חז"ל[1] אַז ס'איז שוין „כלו כל הקיצין", און די הודעה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, אַז מ'האָט שוין אויך תשובה געטאָן, ביז אַז מ'האָט שוין פאַרענדיקט אַלע עניני עבודה (אפילו „צופוצן די קנעפ"[2]), און מ'שטייט גרייט צו קבלת פני משיח צדקנו — איז איצטער די עבודה און שליחות: צו זיין גרייט בפועל צו מקבל זיין פני משיח צדקנו בפועל ממש!

דערפון איז מובן, אַז אין דעם באַשטייט די מטרה פון דעם היינטיקן כינוס השלוחים העולמי: צו זיך צוזאַמענרעדן און אַרויסקומען מיט החלטות טובות על מנת לקיימן בפועל, ווי צו אויספירן די שליחות מיוחדת פון דעם איצטיקן זמן: קבלת פני משיח צדקנו.

. . . מ'האָט גערעדט פריער, אַז כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו האָט מודיע געווען, אַז מ'האָט שוין פאַרענדיקט אַלע עניני העבודה, און מ'שטייט שוין גרייט, „עמדו הכן כולכם", צו מקבל זיין פני משיח צדקנו.

1) סנהדרין צז, ב.

2) ראה שיחת שמח"ת תרפ"ט.





מארצות שאר השבטים אולי תכפר עליו אדמתם המקודשת בקדושתם (פון די לוים)".

קומט אויס, אַז אויך די שש ערי מקלט האָבן דעם גדר פון „ערי הלוים"[55] (ווי די אַנדערע מ"ב עיר). וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז אויך די שש ערי מקלט זיינען אַוועקגעגעבן געוואָרן צו זייער בעלות. ומצד דעם (אויך) באַקומען די ערים אַ דין קליטה[56].

ה. ע"פ כל הנ"ל ווערט צוריק שווער: וויבאַלד מ'האָט געגעבן די ערים צו די לוים אַלס זייער חלק בארץ — פאַרוואָס זאָגט דער פסוק אַז די ערים זיינען בלויז „לשבת"?

וי"ל דעם ביאור בזה: דאָס וואָס די ערים געהערן צו די לוים איז א) בנ"י (כל השבטים) האָבן זיי געגעבן מאחוזתם דהשבטים[56*], און דערפאַר געפינט מען אַ שינוי עקרי, וואָס די מ"ח עיר זיינען געווען מפוזר בנחלת כו"כ נאָכמער — כל השבטים[57]. ב) עס איז אַ בעלות כללית פון דעם כללות השבט[58] — מ'האָט די מ"ח עיר אָפּגעגעבן צו שבט לוי. אָבער יעדער לוי פרטי האָט ניט קיין בעלות פרטית אויף זיין בית פרטי, עס איז זיינע נאָר אויף „לשבת"[59].

וואָס דאָס איז איינער פון די ביאורים אין דעם וואָס דער סדר ווי די ערים זיינען אָנגעקומען צו די לוים איז געווען: ונתנו (בני ישראל) ללוים מנחלת אחוזתם ערים לשבת — דאָס איז געוואָרן „נחלת אחוזתם" פון די בנ"י, און די בנ"י האָבן געגעבן די ערים צו די לוים.

ו. ע"פ כל הנ"ל וועט מען אויך פאַרשטיין דעם אויפטו פון מדרש בנוגע לחברון, אַז „הי' עולה בקרנסין של ד' בתחלה ליהודה ואח"כ לכלב ואח"כ כו' ללוים":

ביי חברון איז ניט נאָר געווען אַ נתינה כללית, פון בנ"י צו שבט לוי, נאָר חברון איז אָנגעקומען צו שבט לוי פון כלב'ן. ד.ה. נאָך דעם ווי ס'איז אַריבער פון בעלות כללית (פון שבט יהודה) צו דער בעלות פרטית פון כלב.

און דאָס זאָגט דער מדרש אַז „הי' עולה בקרנסין של ד'", ד.ה. אַז אין דעם זעלבן אופן ווי ס'איז געווען די בעלות בתחלה ל(יהודה ול)כלב, אַ בעלות פרטית, עד"ז איז דאָס אָפּגעגעבן געוואָרן צו די לוים. ד.ה. אַז אין חברון האָבן לוים אויך אַ בעלות פרטית[60].

און וויבאַלד אַז די שייכות פון ערי הלוים צו די לוים איז אין אַן אופן פון

55) ומה שלא הזכיר הרמב"ם בפ"ח מהל' רוצח דשש ערי מקלט הוא ללוים כי שם מדובר ע"ד המ"ע להפריש כו' ולהכין הדרך. ועוד ועיקר — הרי כתבו כבר ברפי"ג מהל' שמיטה ויובל. וראה הל' רוצח שם ה"י: ומה הפרש כו' ובין שאר ערי הלוים.

56) עפכ"ז יומתק מקור דברי הרמב"ם רפי"ג מהל' שמיטה ויובל „וכשמוסיפין ערי מקלט אחרות בימי המשיח הכל ללוים".

56*) ראה לקו"ש חכ"ח ע' 216 ואילך.

57) יהושע כא, ד ואילך.

58) ע"ד דמצינו בתרומה וכו' שנקראת — (נחלת ו)גזילת השבט (ירושלמי תרומות פ"א ה"ב. ערלה פ"ב ה"א. וראה אנציקלופדי' תלמודית ערך גזל השבט. וש"נ).

59) דאף ששייך שם ירושה ומוכרים כו', ה"ז בכלל קנין ד„לשבת", וכמו למ"ד הנ"ל בירושלמי דבכלל (גם הבעלות כללי דהשבט) לבית דירה ניתנו. וראה תוד"ה דאי ערכין לא, ב.

60) וראה רמב"ן עה"ת ס"פ קרח למה לא הוי נתינת הערים סתירה לבארצם לא תנחל. וראה קרבן העדה לירושלמי סוטה שם. שירי קרבן לירושלמי מכות שם. פנים יפות מסעי לה, יד.

„גאולת עולם״ (כנ״ל סעיף ב) — קומט אויס, אז די „נצחיות״[61] פון דער בעלות פון די לוים[62] אויף חברון איז מער ווי אין אלע אנדערע חלקי ארץ ישראל: א) בנוגע צו דער נחלה פון בני ישראל, וואס בא זיי איז ניטא די מעלה פון „גאולת עולם״; ב) בנוגע צו אנדערע ערי הלוים, וואס בא זיי איז ניטא בעלות פרטית[62*].

ז. דער ביאור בזה בפנימיות הענינים:

דער טעם פנימי פארוואס ערי מקלט דארפן זיין של הלויים[62**], איז (ע״ד טעם החינוך — לעיל ס״ד) ווייל דאס איז פארבונדן מיט דער הגנה וכפרה פון דעם הורג נפש בשגגה.

דער חטא פון הורג נפש איז א כפול: (דער חטא ופירוד[63]) בין אדם למקום, בין אדם לחבירו.

און דעריבער איז זיין כפרה ווערט דורך די ערי מקלט וועלכע זיינען ערי הלויים. וואס דער שם לוי איז ע״ש „ילוה״[64] — דער ענין פון קישור (חדש — הפעם ילוה) וחיבור, היפך ענין הפירוד. וואס דאס איז ענינם של הלוים:

א) „הובדל לעבוד את ה׳ לשרתו״, און ענינם איז „להורות דרכיו הישרים ומשפטיו הצדיקים לרבים״, מצד חיבורם מיטן אויבערשטן, זיי זיינען „חלקו ונחלתו״[65], פועל׳ט דאס די כפרה ותיקון אויף דעם חטא ופירוד שבין אדם למקום פון דעם הורג נפש, אז ער ווערט צוריק פארבונדן מיטן אויבערשטן[66].

ב) אין זייער עבודה „וילוו עליך וישרתוך״[67], דריקט זיך אויס דער ענין פון אחדות ישראל, נוסף אויף דעם וואס אויך אין דעם „להורות דרכיו הישרים ומשפטיו הצדיקים לרבים״, דריקט זיך

61) ומש״כ בסוטה (מח, ב) דמשחרב ביהמ״ק ראשון בטלו ערי מגרש — יש לומר הכוונה להפרטי דינים הקשורים בזה, כיון שלא היו כל ישראל על אדמתם. ובכלל לא עלו רוב ישראל. אבל לא מצאנו החידוש גדול — דאינו שייך עוד להלוים, ואין ללויים ערים לשבת ועוד! ובשינוי עקרי מכל ארץ ישראל דלא בטלה בעלות הפרטית דכל אחד (ראה לקו״ש ח״כ ע׳ 309). אבל ראה שו״ת צפע״נ ווארשא סי׳ נד. צפע״נ מכות ז, א בגליון ד״ה מנה״מ (הובא בצפע״נ עה״ת מסעי לה כט). צפע״נ עה״ת בהר ע׳ רמח.

62) משא״כ הכהנים בערים שלהם (וחברון — כביהושע כא, יג. ב״ר הנ״ל) אין זה רק מחמת הכהונה ולא מעצמם, דיש מציאות שישתנו דהיינו חלל דאין עליו שם כהן אבל גבי לוים . . נמצא דגבי לוים שייך נחלה ולא גבי כהנים (צפע״נ תרומות בהשמטות סב, א. עיי״ש. ועד״ז כתב בכ״מ: שו״ת צפע״נ שם סי׳ פד. מכתבי תורה מכתב פז. ועוד).

62*) להעיר משו״ת צפע״נ שם סו״ס רטו: ועי׳ בספרי פ׳ מסעי דמבואר דערי מקלט נוהג גם בזה״ז. ועפ״י הנ״ל (בפנים והערה 61) י״ל דקולט מצד ערי הלוים (אלא שצ״ע אם צ״ל דיורי לוים (עכ״פ רובם) בפועל. וראה מכות י, א: נתמעטו כו׳. ובצפע״נ שם). אבל בצפע״נ הנ״ל (סוף הערה 61) כתב להיפך (עפ״י סוטה שם), שקליטתם לאחרי בית ראשון הוא רק מצד ערי מקלט, ולא מצד ערי הלוים.

62**) וראה תורת לוי״צ (למכות יא, א) ע׳ קצב עוד טעם ע״פ קבלה.

63) היפך מצוה — ל׳ צוותא וחיבור (לקו״ת בחוקותי (מה, ג). וראה תניא מהדו״ק (קה״ת, תשמ״ב) ספמ״ט).

64) ויצא כט, לד.

65) רמב״ם סוף הל׳ שמיטה ויובל.

66) להעיר מחדושי אגדות מהר״ל למכות י, א: דברי תורה קולטים*.

67) קרח יז, ב.

*) וראה לקו״ש חכ״ד ע׳ 111 הערה 47 ובהנסמן בשוה״ג שם.

*) ושייך לחברון — ראה זח״ג קס, א: וחברון דא אורייתא כו׳.





אויס דער ענין פון אהבת (הרבים — ) ישראל,

און מצד דעם זיינען זייערע ערים א תיקון אויף דעם חטא ופירוד שבין אדם לחבירו, וואס אין הורג נפש[68].

דאס איז אן ענין בכל ערי מקלט. אין חברון איז דער ענין האחדות מיט נאך מער הדגשה, ווארום דארטן זיינען דאך קבור די אבות ואמהות של כל בנ״י, און דעריבער גייען ארויף די תפלות ע״י חברון[69], און תפלה ווערט אנגערופן חברון מצד התחברות המדות חג״ת[70], דער קישור וחיבור פון אידן מיטן אויבערשטן, וואס דאס איז די כפרה אויף דעם ענין פון בין אדם למקום שבהורג נפש,

און וויבאלד אז זיי זיינען די אבות ואמהות פון כלל ישראל, איז דורך דעם חיבור פון די אבות ואמהות פון כלל ישראל ביחד, ווערט אויך דער חיבור אמיתי אין די בנים ובנות וועלכע קומען פון זיי. — די כפרה אויף דעם חטא שבין אדם לחבירו.

און דער ענין החיבור איז אויף אזוי־פיל אז דאס קומט בגלוי „בשמו[71] אשר יקראו לו בלה״ק״ אין דעם שם העיר — חברון, וואס איז מלשון חיבור[72].

(משיחות שמח״ת וש״פ בראשית תשל״ז)

לקו״ש חכ״ה ע׳ 91

68) ואולי זהו ב׳ הטעמים בחינוך שם מצוה תח.

69) ראה אגרות קודש אדמו״ר האמצעי מכתב לב (קה״ת, ברוקלין, תש״מ). וכ״ה בילקוט ראובני (פרשתנו כג, ט) ממגלה עמוקות* אופן רמט** ומספר כנפי יונה***. ואולי יש לפרש שמחברון עולים לירושלים ולמקדש**** — ראה רש״י ויצא (כח, יז). וראה בגמ׳ (ברכות ל, א) והפס״ד (רמב״ם הל׳ תפלה פ״ה ה״ג. טושו״ע או״ח רסצ״ד. שו״ע אדה״ז שם) שתפלה צ״ל כנגד ירושלים והמקדש. ולהעיר מההמשך באגרת אדמו״ר האמצעי שם שלפני ישיבת דוד מלך ישראל בירושלים הי׳ צריך להקדים תחילה להיות בחברון ז׳ שנים מקודם (— ראה זח״א עט, ב. וש״נ. וראה „קונטרס בעניני כולל חב״ד״ ס״א (אגרות קודש אדמו״ר מהורש״ב כרך ד׳ ע׳ קצב)). אבל במאמר ענין ההשתטחות (מאדמו״ר האמצעי?) קרוב לסופו (מאמרי אדהא״מ־קונטרסים ע׳ כז) כידוע שכל התפלות צריכות לעלות למעלה דרך פתח של ג״ע הארץ וע״כ התפלה שמתפללים אצל מערת המכפלה היא רצוי׳ ומקובלת ממש לפי שיש בקבלה בידינו ששם הי׳ פתחו של ג״ע ממש.

70) עיין אגרות שם.

71) תניא ח״ב פ״א.

72) זח״א קכב, ב (מהנ״ע). קכה, א. זח״ג קס, א.

*) וכ״ה שם אופן רנ (בסופו) ובמגלה עמוקות עה״ת פ׳ וישב (נח, סע״ג) ובפ׳ שמות (ז, ג) בפי׳ הפסוק וישלחהו מעמק חברון.

**) כן נסמן בילקוט ראובני לפנינו „אופן רמט״. אבל כנראה הוא ט״ס, כי הלשון שהביא הוא במג״ע אופן רכב. ובמג״ע אופן רמט איתא הגהה מבן המחבר, ושם: ולכן איתא בזהר חדש דרך מערת המכפלה נכנס התפלה למעלה. ואילו במג״ע אופן רכב וכן בילקוט ראובני שם הובא מזהר חדש לגבי הפתחים דג״ע ולא בנוגע עליית התפלות דרך מערת המכפלה. וז״ל במג״ע שם (ועד״ז בילקוט ראובני שם): ביקש משה ליכנס לא״י שהראה לו הקב״ה גן עדן שלמטה שיש שם ז׳ פתחים (כדאיתא בזוהר חדש פ׳ לך לך) הפתח הראשון שהנשמה הולכת בשעת יציאתה מן הגוף דרך מערת המכפלה ששם נקברו אבות ואמהות אדם וחוה . . וכן כל תפלות שלנו כשהם עולים למעלה עולים דרך מערת המכפלה.

(ולפנינו מפורש (ענין עלית הנשמות דרך ז׳ הפתחים) בז״ח פ׳ נח (מהנ״ע) כא, א: הפתח הראשון נכנסת הנשמה במערת המכפלה שהוא סמוכה לג״ע. ועד״ז בזח״א פ׳ לך (פא, רע״א. ועוד)]. וראה לקמן שוה״ג הד׳.

***) בכנפי יונה הנדפס לא מצא׳ לע״ע. אבל נמצא בספרו יונת אלם פט״ז.

****) וכן מובן מז״ח שם (עיי״ש כ, ד ואילך. וראה גם זח״א שם, ב) לגבי עליית הנשמה דרך ז׳ פתחים: שמגעת עד פתח השלישי . . מגעת עד ירושלים אשר שם כו׳ . . בית המקדש. אלא דשם מדובר בירושלים של מעלה. עיי״ש. אבל הי״ה מכוונת כנגד ירושלים של מטה (כבהתחלת הדברים בז״ח שם כ, ד) ונאמר ע״ז „שחוברה לה יחדיו״ (תהלים קכב, ג. תנחומא ר״פ פקודי. ובכ״מ).